# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ מיט׳ן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

## אויף די פרשה און עניני דיומא



| חלק י – פרשת ויקרא | | |
|---|---|---|
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | ג ע"א | יג–יט |
| שני | ג ע"ב | יט–כה |
| שלישי | ד ע"א | כה–לג |
| רביעי | ד ע"ב | לג–לט |
| חמישי | ה ע"א | לט–מה |
| שישי | ה ע"ב | מה–נא |
| שב"ק | ו ע"א | נא–נז |

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

מתוק מדבש
יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 125 | פרשת צו תשפ"ג

## אין שום כח הדין יוצא מתוך החסד

**רַבִּי אַחָא פָּתַח וְאָמַר** לפרש מש"כ **וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ** לא תכבה, ובער עליה הכהן עצים בבקר בבקר, ושאל מש"כ **וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ, אַמַּאי** מה הטעם שצריך להיות תמיד אש דולקת על המזבח, ועוד מש"כ **וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר, אַמַּאי** למה מבערים את האש דוקא בבקר בעת התעוררות מדת החסד, ועוד **וְכָהֲנָא אַמַּאי** ולמה דוקא כהן צריך להבעיר את אש המזבח, **וְהָא תְּנִינַן** והרי למדנו, **אֵשׁ בְּכָל אֲתַר דִּינָא הוּא** אש בכל מקום, היא רומזת על הדין והגבורה, **וְכָהֲנָא מִסִּטְרָא דִּימִינָא קָא אָתֵי** והרי הכהן בא מצד החסד שבימין, **וּרְחִיקָא הוּא מִן דִּינָא** והוא רחוק מן הדין, כי אין שום כח הדין יוצא מצד החסד, **דְּהָא כָּהֲנָא לָא אִזְדְּמַן בְּדִינָא לְעָלְמִין** כי כהן אינו מזדמן בדין לעולם, אפילו במדרגה התחתונה, **וְהָכָא הוּא בָּעֵי לְאוֹקְדָא דִּינָא בְּעָלְמָא** וכאן למה הוא צריך להבעיר את האש שהיא דין בעולם **דִּכְתִיב וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן** הרי שכהן היה צריך להבעיר את האש על המזבח.

ומתרץ **אֶלָּא הָכִי אוֹלִיפְנָא** אלא כך למדנו, **בַּר נָשׁ דְּאָתֵי לְמֶחֱטֵי קַמֵּי מָארֵיהּ** אדם הבא לחטוא לפני קונו, **הוּא אוֹקִיד גַּרְמֵיהּ בְּשַׁלְהוֹבִיתָא דְּיֵצֶר הָרָע** הוא שורף את עצמו בשלהבת האש של היצר הרע, **וְיֵצֶר הָרָע מִסִּטְרָא דְּרוּחַ מְסָאֲבָא קָא אַתְיָא** והיצר הרע בא מצד רוח הטומאה, **שַׁרְיָא בֵּיהּ רוּחַ מְסָאֲבָא** ואז שורה באדם רוח הטומאה.

## אידיש

### קַיין שׁוּם כֹּחַ פוּן דִי בְּחִינָה פוּן דִין גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד

**הָאט** רַבִּי אַחָא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַרְשְׁ'נֶען, אוּן הָאט צוּם עֶרְשְׁט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ לֹא תִכְבֶּה, וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר", אוּן דֶער פַייעֶר אוֹיפְן מִזְבֵּחַ זָאל בְּרֶענֶען אִין אִים אוּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, אוּן דֶער כֹּהֵן זָאל אָנְצִינְדְן אוֹיף אִיר הֶעלְצֶער יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן רַבִּי אַחָא הָאט גֶעפְרֶעגְט, דָאס וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט "וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ", וָואס אִיז דֶער טַעַם אַז עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג בְּרֶענֶען פַייעֶר אוֹיפְן מִזְבֵּחַ? אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דָאס וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט "וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר", פַארְוָואס צִינְדְט מֶען אָן דִי פַייעֶר דַוְקָא אִינְדֶערְפְרִי, אִינְדֶערְצַייט וָואס דִי מִדַּת הַחֶסֶד וֶוערְט עֶרְוֶועקְט. אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, פַארְוָואס דַארְף דַוְקָא אַ כֹּהֵן אָנְצִינְדְן דֶעם פַייעֶר אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט אַז דִי פַייעֶר אִין יֶעדְן אָרְט, אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי בְּחִינָה פוּן דִין אוּן גְבוּרָה, אוּן דֶער כֹּהֵן קוּמְט דָאךְ פוּן דִי זַייט פוּן חֶסֶד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי רֶעכְטֶע זַייט, אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִי בְּחִינָה פוּן דִין, וַוייל קַיין שׁוּם כֹּחַ פוּן דִין קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי זַייט פוּן חֶסֶד, וַוייל אַ כֹּהֵן קוּמְט נִישְׁט אָן אִין דִי בְּחִינָה פוּן דִין קַיינְמָאל, אֲפִילוּ אוֹיף דִי נִידֶערִיגֶע מַדְרֵגָה, אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס דַארְף דָא דֶער כֹּהֵן אָנְצִינְדְן דִי פַייעֶר, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דִין אוֹיף דִי וֶועלְט, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן", זֶעעְן מִיר אַז דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעדַארְפְט אָנְצִינְדְן דֶעם פַייעֶר אוֹיפְן מִזְבֵּחַ.

**הָאט** רַבִּי אַחָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר, אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִינְדִיגְן פַאר זַיין הַאר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, טוּט עֶר זִיךְ פַארְבְּרֶענֶען מִיטְן פְלַאם פַייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט פוּן דִי זַייט פוּנֶעם רוּחַ הַטֻּמְאָה, אוּן דֶעמָאלְטְס רוּט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ דֶער רוּחַ הַטֻּמְאָה.

**וּלְזִמְנִין אִשְׁתְּמוֹדְעָן קָרְבָּנֵי דְּאַתְיָין מֵהַאי סִטְרָא** ולפעמים נודעים וניכרים הקרבנות הבאים מצד ההוא, כגון אם מקריבים קרבן חטאת יחיד שעירת עזים שרוח הטומאה שורה עליו, **וּבָעָא לְקָרְבָא עַל מַדְבְּחָא כִּדְדָמֵי לֵיהּ** וצריך להקריב על המזבח דבר הדומה לחטאו, כי כמו שבחטאו הגביר עליו את היצר הרע והמשיך על עצמו רוח הטומאה, כך צריך להיות קרבנו שעירת עזים ששורה עליו רוח הטומאה כדי להעבירה ולשרפה באש המזבח, **וְלָא אִשְׁתְּצֵי וְלָא אִתְבְּטַל הַהוּא רוּחַ מְסָאֲבָא בֵּין מִבַּר נָשׁ וּבֵין מֵהַהוּא סִטְרָא דְּאָתֵי מִנֵּיהּ אֶלָּא בְּאֶשָּׁא דְּמַדְבְּחָא** ואינה כלה ואינה מתבטלת רוח הטומאה בין מן האדם החוטא, ובין מצד הטומאה שהחטא בא ממנו, אלא באש של המזבח, שנמשכת מאש של מעלה שהיא בחי׳ חסד כלפי אש של מטה, לכן יש בכחה לבטל ולכלות את רוח הטומאה הבאה מצד הגבורה, **דְּהַהוּא אֶשָּׁא מְבַעֲרָא רוּחַ מְסָאֲבָא וְזִינִין בִּישִׁין מֵעָלְמָא** כי אש ההיא מבערת רוח הטומאה ומיני רוחות הרעות מן העולם, כי היא אש אוכלת אש, **וְכָהֲנָא בְּדָא אִתְכְּוָון לְתַקְּנָא אֶשָּׁא** והכהן הבא מצד החסד נתכוון לזה לתקן ולערוך את האש על המזבח, **דִּיבָעֵר זִינִין בִּישִׁין מֵעָלְמָא** כדי שתבער ותשרוף את מיני רוחות הרעות מן העולם, ור״ל לפי שהכהן הוא מצד החסד לכן הוא מסוגל לזה לבטל את כחות הרעים הבאים מצד הגבורה.

**וְעַל דָּא בָּעֵי דְּלָא יִדְעֲכוּן לֵיהּ לְעָלְמִין** ועל כן צריכים להזהר שלא תכבה האש מן המזבח לעולם, אלא תמיד תוקד האש על המזבח, כדי **וְלָא יִתְחַלֵּשׁ חֵילָא וְתוּקְפָּא דִּילֵיהּ** שלא יתחלש הכח והתוקף של אש המזבח הרומז על אש השכינה, **לְתַבְרָא חֵילָא דְּתוּקְפָּא אָחֳרָא בִּישָׁא מֵעָלְמָא** כדי שתוכל לשבור את כח ותוקף האחר שהוא רוח הטומאה מן העולם, **וְעַל דָּא לֹא תִכְבֶּה** ולכן צריכים להזהר שלא תכבה האש של המזבח.

**וְכָהֲנָא יְסַדֵּר עֲלֵיהּ אֶשָּׁא בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר** והכהן יסדר עליו אש בבקר בבקר, **בִּזְמְנָא דְּשָׁלְטָא סִטְרָא דִּילֵיהּ וְאִתְּעַר בְּעָלְמָא** בזמן ששולט ומתעורר בעולם צד החסד שהוא חלקו, **בְּגִין לְבַסְּמָא עָלְמָא** כדי לבשם ולהמתיק את כל הדינים שבעולם על ידי אש החסד של המזבח, **וְאִתְכַּפְיָין דִּינִין וְלָא מִתְעָרֵי בְּעָלְמָא** ועל ידי זה נכנעים כל בעלי הדינים ואינם מתעוררים בעולם.

## אידיש

**אוּן** צוּמָאל וֶוערְן בַּאוואוּסְט אוּן אַנֶערְקֶענְט דִי קָרְבָּנוֹת וָואס קוּמֶען פוּן יֶענֶער זַייט, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ מֶען אִיז מַקְרִיב אַ קָרְבָּן חַטָּאת פוּן אַ יָחִיד וָואס דָאס אִיז אַ נְקֵבָה צִיגֶעלֶע וָואס דֶער רוּחַ הַטֻּמְאָה רוּט אוֹיף דֶעם, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מַקְרִיב זַיין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ עֶפֶּעס וָואס אִיז עֶנְדְלִיךְ צוּ זַיין זִינְד, וַוייל אַזוֹי ווִי בַּיי זַיין זִינְד הָאט עֶר פַארְשְׁטַארְקְט אוֹיף זִיךְ דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַ רוּחַ הַטֻּמְאָה אוֹיף זִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זַיין קָרְבָּן זַיין אַ צִיגֶעלֶע אַ נְקֵבָה אוֹיף וָואס עֶס רוּט אַ רוּחַ הַטֻּמְאָה, כְּדֵי עֶס אַוֶועקְצוּפִירְן אוּן אִיר צוּ פַארְבְּרֶענֶען מִיטְן פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, אוּן דֶער רוּחַ הַטֻּמְאָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלֶענְדְט אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט בָּטֵל, סַיי פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן סַיי מִצַּד דִי טוּמְאָה וָואס דֶער זִינְד אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם, נָאר עֶס וֶוערְט בָּטֵל בְּלוֹיז דוּרְכְן פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן דִי פַייֶער פוּן אוֹיבְן וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד אַנְטְקֶעגְן דִי פַייֶער פוּן אוּנְטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶס דֶער כֹּחַ צוּ צוּשְׁטֶערְן אוּן צוּ פַארְלֶענְדְן דֶעם רוּחַ הַטֻּמְאָה וָואס קוּמְט פוּן דִי זַייט פוּן גְבוּרָה, וַוייל אָט דִי פַייֶער טוּט פַארְלֶענְדְן דֶעם רוּחַ הַטֻּמְאָה אוּן דִי פַארְשִׁידֶענֶע רוּחוֹת רָעוֹת פוּן דִי וֶועלְט, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז אַן ״אֵשׁ אוֹכֶלֶת אֵשׁ״, אַ פַייֶער וָואס פַארְבְּרֶענְט פַייֶער, אוּן דָאס הָאט דֶער כֹּהֵן אִינְזִינֶען גֶעהַאט, ווִיבַּאלְד עֶר קוּמְט פוּן דִי זַייט פוּן חֶסֶד, קוּמְט עֶר צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן אָנְגְרֵייטְן דִי פַייֶער אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, כְּדֵי עֶס זָאל פַארְלֶענְדְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע סָארְטְן רוּחוֹת רָעוֹת פוּן דִי וֶועלְט, דָאס מֵיינְט אַז ווִיבַּאלְד דֶער כֹּהֵן אִיז פוּן דִי זַייט פוּן חֶסֶד, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר מְסֻגָּל דֶערְצוּ, צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע כּוֹחוֹת וָואס קוּמֶען פוּן דִי זַייט פוּן גְבוּרָה.

**זָאגְט** וַוייטֶער דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאשְׁן וֶוערְן, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוערְן דֶער כֹּחַ אוּן דֶער שְׁטַארְקַייט פוּן דֶער פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי פַייֶער פוּן דִי שְׁכִינָה, כְּדֵי זִי זָאל קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן דֶער אַנְדֶערֶער כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקַייט פוּן דִי וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דֶער רוּחַ הַטֻּמְאָה, אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק ״לֹא תִכְבֶּה״, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלָאשְׁן.

**אוּן** דֶער כֹּהֵן זָאל אָנְגְרֵייטְן פַייֶער אוֹיפְן מִזְבֵּחַ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, אִינְדֶערְצַייט וָואס דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, וָואס דָאס אִיז דֶער חֵלֶק פוּנֶעם כֹּהֵן, אִיז שׁוֹלֵט אוֹיף דִי וֶועלְט, כְּדֵי צוּ מַאכְן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק אַלֶע דִינִים פוּן דִי וֶועלְט, דוּרְכְן פַייֶער פוּן חֶסֶד פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן אַלֶע בַּעֲלֵי הַדִּינִים אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט עֶרְוֶועקְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

**עַל דָּא תְּנִינַן** על זה למדנו, כי **אִית אֶשָּׁא אָכְלָא אֶשָּׁא** יש אש אוכלת ושורפת אש אחרת, ומפרש **אֶשָּׁא דִּלְעֵילָּא אָכְלָא אֶשָּׁא אָחֳרָא** אש החסד אוכלת אש הגבורה וממתיקה, וכן **אֶשָּׁא דְּמַדְבְּחָא אָכְלָא אֶשָּׁא אָחֳרָא** אש המזבח שהיא נגד החסד שורפת את אש האחרת, **וְעַל דָּא אֶשָּׁא דָּא לָא תִּכְבֶּה לְעָלְמִין** ועל כן אש המזבח שהיא בחי׳ חסד לא תכבה לעולם, **וְכָהֲנָא מְסַדֵּר לֵיהּ בְּכָל יוֹמָא** והכהן שבא מן החסד צריך לסדר את האש על המזבח בכל יום.

(דף כז ע״א - ע״ב, ובביאורינו כרך י עמ׳ שיח - שכ)

## המצות שהם תכלית הבריאה פועלות לתיקון השכינה

**תַּנָּאִים וָאֲמוֹרָאִים, כָּל אִלֵּין תְּמִידִין אִינּוּן מִדּוֹת דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** כל אלו התמידים הם כנגד המדות והספירות של הקב״ה, כי תמיד של שחר מקריבים בבקר בעת שליטת החסד, ותמיד של בין הערבים מקריבים כשמתחיל היום להעריב בעת שליטת הגבורה, ושניהם ביום הראשון הם בחסד של אותו השבוע, וביום ב׳ הם בגבורה וכיוצא, **דִּצְרִיכֵי לְמֶהֱוֵי לוֹן נַיְיחָא** שצריכים שיהיה להם מנוחה, כי על ידי הקרבת התמידים מבררים את הניצוצין קדישין השייכים לאותו המדה השולטת בעת ההיא וביום ההוא, ועל ידי זה הם נתקנים וזהו מנוחתם, **וְאַף עַל גַּב דְּכָל סְפִירָן כֻּלְּהוּ חַד** ואף על פי שכל הספירות כולם הם בחינה אחת, ומיחוד הנעשה בקרבן אחד נהנים ומתקשרים ומתייחדים כל העשר ספירות יחד, **מִכָּל מָקוֹם** יש הבדל אם יתקשרו כולם מפאת בחינה פלונית שבספירה פלונית, או זולתה, וכן **כָּל סְפִירָה וּסְפִירָה** בפני עצמה, **מְמָנָא עַל שַׁבָּתוֹת וְזִמְנִין וְיוֹמִין טָבִין** היא ממונה על השבתות והזמנים וימים טובים, כי בכל שבת ובכל יום טוב שולטת ספירה אחרת, וכן יש הפרש גדול בין יום טוב לחברו (כנזכר בהקדמה).

ואמר כי **וְהַהִיא מִדָּה דְּשָׁלְטָנוּתָא דְּהַהוּא זִמְנָא** אותה המדה והספירה השולטת בזמן ההוא, כגון בפסח שולטת החסד הכללי של כל השנה, **כָּל סְפִירָן אִתְכְּלִילוּ בָּהּ** כל הספירות נכללו בזה החסד [וכו׳].

### אידיש

**אִיבֶּער** דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט, אַז עֶס אִיז דָא אַ פַייֶער וָואס פַארְלֶענְדְט און פַארְבְּרֶענְט אַן אַנְדֶערֶע פַייֶער, און דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, אַז דִי פַייֶער פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד טוּט פַארְבְּרֶענֶען דֶעם פַייֶער פוּן דִי בְּחִינָה פוּן גְּבוּרָה און עֶס מַאכְט עֶס זִיס, און אַזוֹי אויךְ טוּט דִי פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, פַארְבְּרֶענֶען דֶעם אַנְדֶערְן פַייֶער, און דֶערִיבֶּער זָאל דִי פַייֶער פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאשְׁן וֶוערְן, און דֶער כֹּהֵן וָואס עֶר קוּמְט פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, דַארְף צוּשְׁטֶעלְן דִי פַייֶער אוּיפְן מִזְבֵּחַ יֶעדְן טָאג.

### דִי מִצְוֹת, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי תַּכְלִית פוּנֶעם בְּרִיאָה, טוּעֶן פוּעֶלְ'ן פַארְן תִּקּוּן הַשְּׁכִינָה

**זָאגְט** דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, דִי תַּנָּאִים און אֲמוֹרָאִים, דִי אַלֶע תְּמִידִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי מִדּוֹת און סְפִירוֹת פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד פוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען מַקְרִיב אִינְדֶערְפְרִי אִינְדֶערְצַייט וָואס דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד אִיז שׁוֹלֵט, און דֶער קָרְבָּן תָּמִיד פוּן נָאכְמִיטָאג אִיז מֶען מַקְרִיב וֶוען דֶער טָאג הֵייבְּט אָן צוּ פַארְטוּנְקְלְט וֶוערְן, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז שׁוֹלֵט דִי בְּחִינָה פוּן גְּבוּרָה, און בֵּיידֶע פוּן זֵיי אִיז אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, וָואס דָאס אִיז אִין דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד פוּן דֶעם וָואךְ, און אִינֶעם צְוֵוייטְן טָאג פוּן וָואךְ זֶענֶען זֵיי אִין דִי בְּחִינָה פוּן גְּבוּרָה, און אַזוֹי וַוייטֶער, וַוייל עֶס דַארְף זַיין אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מְנוּחָה, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב דִי קָרְבָּנוֹת תָּמִיד טוּט מֶען אויסְקְלוֹיבְּן דִי נִיצוֹצִין קַדִּישִׁין וָואס זֶענֶען צוּגֶעפַּאסְט צוּ דִי מִדָּה וָואס אִיז שׁוֹלֵט אִין יֶענֶער צַייט און אִין יֶענֶעם טָאג, און דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי מְתֻקָּן און דָאס אִיז זֵייעֶר מְנוּחָה. און כָאטְשׁ אַלֶע סְפִירוֹת זֶענֶען אֵיין בְּחִינָה, און פוּנֶעם יִחוּד וָואס וֶוערְט גֶעמַאכְט דוּרְךְ אֵיין קָרְבָּן טוּעֶן אַלֶע צֶען סְפִירוֹת צוּזַאמֶען מְקֻשָּׁר און מְיֻחָד וֶוערְן צוּזַאמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָא אַן אוּנְטֶערְשֵׁייד אויבּ זֵיי וֶוערְן מְקֻשָּׁר צוּזַאמֶען צוּלִיבּ דִי גֶעוִויסֶע בְּחִינָה וָואס אִיז אִין דִי גֶעוִויסֶע סְפִירָה, אָדֶער דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע בְּחִינָה אָדֶער סְפִירָה, און אַזוֹי אויךְ אִיז יֶעדֶע סְפִירָה פַאר זִיךְ, גֶעשְׁטֶעלְט אויף דִי שַׁבָּתוֹת און אויף דִי צַייטְן און אויף דִי יָמִים טוֹבִים, וַוייל אִין יֶעדְן שַׁבָּת און אִין יֶעדְן יוֹם טוֹב גֶעוֶועלְטִיגְט אַן אַנְדֶערֶע סְפִירָה, און אַזוֹי אויךְ אִיז דָא אַ גְרוֹיסְן אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן אֵיין יוֹם טוֹב און דִי אַנְדֶערֶע.

**זָאגְט** וַוייטֶער דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דִי גֶעוִויסֶע מִדָּה און סְפִירָה וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט אִין אַ גֶעוִויסֶע צַייט, לְמָשָׁל אוּם פֶּסַח וָואס אִיז שׁוֹלֵט דִי כְּלָלִיוּת'דִיגֶע מִדַּת הַחֶסֶד פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר דֶעמָאלְטְס, זֶענֶען אַלֶע סְפִירוֹת נִכְלָל אִין אָט דֶעם חֶסֶד [וְכוּ'].

**מַאן דְּלָא אִתְעֲסַק בְּאוֹרַיְיתָא וּבְפִקּוּדִין** מי שאינו עוסק בתורה ומצות, **אִית לֵיהּ עוֹל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה** יש עליו עול מלכות הרשעה בימות החול, **וּמַאן דְּאִתְעֲסַק בְּאוֹרַיְיתָא וּבְפִקּוּדִין** ומי שעוסק בתורה ומצות, **אִית לוֹן עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** יש עליהם עול מלכות שמים בימות החול, **דְּאִיהִי ה׳ בַּתְרָאָה** שהמלכות היא סוד ה׳ האחרונה דשם הוי״ה, **מַלְכוּת שָׁמַיִם אִתְקְרִיאַת** היא נקראת מלכות של התפארת [היינו שכינתא דקוב״ה] הנקרא שמים, **עוֹל מִצְוֹת אִיהִי וַדַּאי** עול המצות הם בה ודאי, כי בה פועלות המצות שהם תכלית הבריאה, **בְּגִין דְּבָהּ אִתְבְּרִיאוּ כָּל בִּרְיָין דִּשְׁמַיָּא וְאַרְעָא** לפי שבה נבראו כל הבריות והתולדות של שמים וארץ **הָדָא הוּא דִכְתִיב** זהו שכתוב **אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם** כלומר **בְּה׳ בְּרָאָם** שהיא המלכות, כי כל ג׳ עולמות בריאה יצירה עשיה נבראו על ידי המלכות דאצילות, ולכן בה פועלות המצות למען קיום העולם. (דף כט ע״א, ובביאורינו כרך י עמ׳ שמו - שמח)

## אידיש

**און** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט וַוייטֶער, אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט עוֹסֵק אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין דִי מִצְוֹת, אִיז דָא אוֹיף אִים דֶער יָאךְ פוּן דִי מַלְכוּת הָרְשָׁעָה אִין דִי וָואכְנְטֶעג, אוּן דֶער וָואס אִיז יָא עוֹסֵק אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין דִי מִצְוֹת, אִיז דָא אוֹיף זֵיי דֶער עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אִין דִי וָואכְנְטֶעג, וָואס דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם לֶעצְטְן ה׳ פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ״ה, אוּן זִי וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת פוּן דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת [דָאס מֵיינְט דִי שְׁכִינָה פוּנֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְן], וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שָׁמַיִם, אוּן דִי עֹל הַמִּצְוֹת גֶעפִינֶען זִיךְ זִיכֶער אִין אִיר, וַוייל דִי מִצְוֹת פּוֹעֶלְ'ן אִין אִיר וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער תַּכְלִית פוּן דִי בְּרִיאָה, וִויבַּאלְד דוּרְךְ אִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אוּן דִי תּוֹלְדוֹת פוּנֶעם הִימְל אוּן דֶער עֶרְד, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם", דָאס זֶענֶען דִי תּוֹלְדוֹת פוּנֶעם הִימְל אוּן דִי עֶרְד וֶוען זֵיי זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן "בְּה׳ בְּרָאָם", מִיטְן אוֹת ה׳, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אַלֶע דְרַייא עוֹלָמוֹת פוּן בְּרִיאָה יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת דַּאֲצִילוּת, אוּן דֶערִיבֶּער פּוֹעֶלְ'ן דִי מִצְוֹת אִין אִיר פַארְן עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן דִי וֶועלְט.

שבח דא שירתא

### וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם אוֹר פוּנֶעם סֵפֶר הַזוֹהַר, הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין לִיכְטִיגְקַייט

ווארויל אִיז אוּנְז, וִוי גוּט אִיז אוּנְזֶער טֵייל, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין צוּ זַיין לִיכְטִיגְקַייט אוּן צוּ לֶערְנֶען דִי זִיסֶע רֵייד מִיטְן הוֹיכְן לִיכְטִיגְן שֵׁיין פוּנֶעם הֵיילִיגְן אוֹר, עֶס הָאט אַ זִיסְן טַעַם אוּן אִיז פוּל מִיט גְלוּסְטִיגְקֵייט, אַזוֹי וִוי וַואסֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין סוֹף אוּן קֵיין בְּרֶעג, צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן צוּ קְלוּג וֶוערְן אִין מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית אוּן אִין מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה, אוּן וִויאַזוֹי צוּ זַיין אַ מֶרְכָּבָה צוּ מַאכְן יִחוּדִים אוּן צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם נֶפֶשׁ צוּ אִיר מְקוֹר אוּן שׁוֹרֶשׁ, אוּן דָאס אִיז בַּאשְׁטִימְט אוּן אַייְנְגֶעוָוארְצְלְט אִין מֵיין נֶפֶשׁ, אַז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם סֵפֶר הַזוֹהַר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין לִיכְטִיגְקַייט.

**(עטרת צבי פר׳ בהעלותך)**

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע״פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף צבי
בערגער
(In 6.5/4.5)


פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com